ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי

שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## אחרי

**(חלק כז שיחה ב)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושבע לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת האזינו, ב־ח תשרי, ה׳תשפ״ז (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# אחרי ב

א. אין הלכות תשובה זאָגט דער רמב״ם[1]: שעיר המשתלח מכפר על כל עבירות שבתורה הקלות והחמורות, בין שעבר בזדון בין שעבר בשגגה, בין שהודע לו בין שלא הודע לו הכל מתכפר בשעיר המשתלח, והוא שעשה[2] תשובה, אבל אם לא עשה תשובה אין השעיר מכפר לו אלא על הקלות כו׳.

פרעגט דער כסף משנה (ובפרטיות יותר – דער לחם משנה): אין גמרא[3] איז מבואר אַז דאָס וואָס דער שעיר המשתלח איז מכפר אָן תשובה איז נאָר לדעת רבי, וואָס ער האַלט אַז „על כל עבירות שבתורה בין עשה תשובה בין לא עשה תשובה יום הכפורים מכפר", והיינו אַז לויט רבי איז יוהכ״פ (אַליין) מכפר ניט נאָר אויף קלות (עשה ול״ת) נאָר אויך אויף חמורות; דאַקעגן לויט די רבנן, אַז יוהכ״פ איז מכפר דוקא מיט תשובה, קומט אויס אַז אָן תשובה איז דער שעיר המשתלח ניט מכפר אפילו אויף קלות.

און דער רמב״ם פסק׳נט ווי די רבנן, ווי ער זאָגט אין דער הלכה גופא אַז שעיר המשתלח איז מכפר (אויף חמורות) נאָר דאַן ווען „עשה תשובה" – און אַזוי פסק׳נט ער אין דער הלכה שלאח״ז[4] „ועצמו של יום הכפורים מכפר לשבים (דוקא)" – און דאָ פסק׳נט דער רמב״ם אַז שעיר המשתלח איז מכפר אויף קלות אָן תשובה?

פון די מפרשי הרמב״ם איז משמע – און לכאורה איז אַזוי די משמעות אין גמרא – אַז בנוגע דער פלוגתא פון רבנן און רבי איז ניטאָ קיין חילוק צווישן „שעיר המשתלח" און „עצמו של יום"[5]; פון די פסקי הרמב״ם איז אָבער משמע, אַז ער איז מחלק ביניהם (אויך ביים פסק׳נען ווי די רבנן):

אין הלכה הנ״ל פסק׳נט דער רמב״ם, אַז שעיר המשתלח איז מכפר על הקלות אפילו אָן תשובה[6], און אין דער הלכה שלאח״ז זאָגט ער, אַז „עצמו של יום

---

1) פ״א ה״ב.

2) וי״ג (בכ״י ודפוסי רמב״ם) „שיעשה תשובה" – ראה ספר המדע (ירושלים, תשכ״ד).

3) שבועות יב, סע״ב ואילך.

4) סה״ג שם.

5) להעיר מחידושי הרשב״א שבועות שם ד״ה קשיא אשמעתין.

6) בחבור התשובה להמאירי (משיב נפש מאמר ב פי״ג) „ומה שאמרו בקצת מקומות שמכפר על הקלות אף בלא תשובה ביאור אע״פ שלא התעורר תכלית הערה עד שיבא ממנה לידי תשובה גמורה". אבל לא נרמז לכאורה מזה ברמב״ם, ואדרבא כותב „אבל אם לא עשה תשובה .. מכפר לו .. על הקלות". והמאירי לשיטתו ש„שעיר הוא סבת הכפרה והתשובה היא הכפרה"* (וכן כ׳ שם לגבי עצמו של יום הכפורים ויסורין ומיתה ד„כלם הערה המגעת לו באי זה מאלו והכל סבת התשובה והיא הכפרה"). אבל ברמב״ם מפורש „שעיר המשתלח מכפר על כל עבירות כו׳ והוא שעשה תשובה". ומשמע שהשעיר הוא הוא המכפר, אלא שצריך להיות, בנוגע לחמורות, גם תשובה.

---

*) ולהעיר גם ממשנ״ת בחסידות ע״ד שעיר המשתלח – מאמרי אדה״ז־פרשיות ח״ב ע׳ תתכח; דרמ״צ (קיא, ב): ולא הי׳ בא לכפר החטא ממש רק להסיר הקטרוגים כו׳. וראה לקמן סעיף ח ובהנסמן בהערה 47.

**הכפורים מכפר** לשבים **(דוקא)", וואָס דערפון וואָס ער איז סותם און איז ניט מחלק בין חמורות לקלות איז משמע בפשטות אַז עס פאָדערט זיך תשובה אויך ביי קלות, ביי (מ"ע ו)ל"ת שאין בהן כרת[7] — בנוגע עצמו של יום.**

**איז אה"נ, אַז לפ"ז איז שוין ניט אַזוי שווער קושיא הנ"ל — ווייל לפי דעת רבנן איז „עצמו של יום" בכל אופן ניט מכפר אָן תשובה, און אעפ"כ איז דער שעיר יע מכפר אויף עבירות קלות אויך אָן תשובה[8] — אָבער ס'איז נאָך אַלץ ניט מובן הא גופא[9]: וואָס איז דער טעם החילוק?**

**ב. אויך דאַרף מען פאַרשטיין דעם לשון הרמב"ם אין דער הלכה הנ"ל: „בזמן הזה[10] שאין בית המקדש קיים ואין לנו מזבח כפרה** אין שם אלא **תשובה, התשובה מכפרת על כל העבירות אפילו כו'" און ער פירט אויס די הלכה „ועצמו של יום הכפורים מכפר לשבים כו'".**

7) כמבואר בלח"מ כאן ה"ג. וראה גם כס"מ שם ד"ה ועצמו. ועוד.

8) בירושלמי יומא פ"ח סה"ו (ועד"ז בירושלמי שבועות פ"א ה"ו) עשה אע"פ שלא עשה תשובה. ובכו"כ מפרשים שמכאן מקור הרמב"ם דהשעיר מכפר על הקלות אף בלא עשה תשובה*. אבל צ"ע החילוק בין שעיר המשתלח ליוהכ"פ שבזה כתב שמכפר רק לשבים. וראה שירי קרבן לירושלמי שבועות שם. ועוד.

9) וראה בהכרח דברי הרמב"ם — לח"מ לרמב"ם שם. תוספת יוהכ"פ (ד"ה ולענ"ד) וגבורת ארי (ד"ה ועל החמורות) ליומא פה, ב. מנ"ח מצוה שסד קרוב לסופה. ובכו"כ מפרשי הרמב"ם.

10) בכמה גירסאות דהרמב"ם (ראה רמב"ם הנ"ל הערה 2): בזמן שאין בית המקדש, וליתא תיבת „הזה".

*) ואף שדעת הרמב"ם אינה מתאימה עם מ"ש בירושלמי שם בנוגע לל"ת, דהרי בירושלמי **חילק** בין עשה ול"ת, משא"כ להרמב"ם — ראה כס"מ כאן ה"ב ד"ה ומה הן — י"ל שבפרט זה (מה הן הקלות והחמורות) פסק הרמב"ם כהתנא ביומא (פו, רע"א).

**ולכאורה, וויבאַלד דער רמב"ם איז מדגיש בתחילת ההלכה אַז „בזמן הזה כו' אין שם** אלא תשובה**", איז ווי שטימט עס דערמיט וואָס ער זאָגט בסיום ההלכה „ועצמו של יום הכפורים מכפר"?**

**בפשטות לערנט מען, אַז מיט תחילת ההלכה וסיומה מיינט דער רמב"ם צוויי באַזונדערע סוגים: מיט „בזמן הזה כו' אין שם אלא תשובה" איז כוונתו אַז בזמן הזה איז ניטאָ קיין אַנדער אופן של כפרה דורך** מעשה **האדם נאָר סיידן דורך זיין טאָן תשובה. ניט ווי בזמן הבית, ווען די כפרה קומט דורך כמה אַנדערע פעולות ודברים המכפרים — חטאות ואשמות, מלקות ומיתות ב"ד, שעיר המשתלח, ווי דער רמב"ם זאָגט אין די פריערדיקע הלכות.**

**משא"כ בסיום ההלכה רעדט דער רמב"ם וועגן דאָס וואָס יוהכ"פ איז מכפר ניט (דורך) מעשה האדם, נאָר מצד דעם יום עצמו — „**עצמו **של יום הכפורים מכפר". און דערפאַר איז זיי דער רמב"ם ניט מצרף ביחד.**

**ס'איז אָבער ניט אינגאַנצן גלאַטיק בלשון הרמב"ם — „**אין שם אלא **תשובה", לכאורה האָט ער געדאַרפט זאָגן „אין** להאדם **אלא תשובה" וכיו"ב, וואָס וואָלט אַרויסגעבראַכט ווי ס'איז ניטאָ קיין אַנדער כפרה וואָס דער מענטש קען אויפטאָן; דער לשון „**אין שם **אלא תשובה" איז משמעו[11], אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדער מציאות פון כפרה[12].**

11) **ראה מפרשי היד בתחלתו.**

12) **ופשיטא שאין לומר דלדעת הרמב"ם אין**

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם דעם שינוי בלשון הרמב״ם בנוגע יוהכ״פ — „ועצמו של יום הכפורים מכפר לשבים״, און זאָגט ניט „מכפר עם התשובה״[13] וכיו״ב (ע״ד ווי ער זאָגט ביי שעיר המשתלח „והוא שעשה תשובה״).

ויש לומר אַז דערמיט איז דער רמב״ם מדגיש דעם גדר הכפרה פון יוהכ״פ און מיט וואָס די כפרת יוהכ״פ איז אַנדערש פון כפרת התשובה, וואָס רעדט זיך אין דער הלכה:

די כפרה פון תשובה (שבפרק זה[14]) איז ביחס החפצא, אויף די עבירות — „תשובה מכפרת על כל העבירות״; און דאָס וואָס „עצמו של יוהכ״פ מכפר״ איז דאָס (ניט אויף די עבירות, נאָר) — „לשבים״ — אויף דעם גברא.

און עפ״ז איז מובן וואָס דער רמב״ם פאַנגט אָן די הלכה „בזמן הזה כו׳ אין שם אלא תשובה״ — און איז ניט מצרף יוהכ״פ מיט דעם: די אַלע אופני כפרה, וואָס דער רמב״ם רעכנט פריער, רעדן וועגן כפרה אויף עבירות — און דאָס איז כולל אויך די כפרה פון שעיר המשתלח וואָס איז „מכפר על כל עבירות שבתורה״, אויף דער חפצא; און אין דעם איז דער רמב״ם ממשיך „בזמן הזה כו׳״, אַז פון די ענינים וועלכע זיינען מכפר אויף עבירות איז „אין שם אלא תשובה, התשובה מכפרת על כל העבירות״, ובמילא האָט ניט קיין אָרט מצרף זיין מיט דעם די כפרת יוהכ״פ, וועלכע איז ניט אויף עבירות נאָר אויפן גברא.

[ועפ״ז יומתק וואָס דער רמב״ם דער־מאָנט ניט דעם פרט פון „עצמו של יוהכ״פ מכפר״ בשייכות צו זמן הבית (נאָר בלויז בזמן הזה):

אע״פ אַז אויך בזמן הבית איז דאָ[15] (לויט כמה מפרשים[16]) כפרת האדם מצד „עצמו של יוהכ״פ מכפר״, איז עס אָבער ע״ד ווי „בכלל מאתים מנה״: בזמן הבית איז דער עיקר הכפרה דורך דעם שעיר

---

מכפר אלא תשובה, משא״כ יוהכ״פ אינו בגדר מכפר, ורק שהתשובה מכפרת ביום הכפורים בלבד (וראה רמב״ם הל׳ תשובה פ״ב ה״ז) — כי זהו היפך פשטות לשון הרמב״ם „ועצמו של יום הכפורים מכפר לשבים״ (וכן בריש הלכה ד „אע״פ שהתשובה מכפרת על הכל ועצמו של יום הכפורים מכפר״), שמשמעו דעצמו של יום הכפורים גופא הוא המכפר.

וי״ל דשאני יסורין שצריכים ביחד עם התשובה לכפר על כריתות ומיתות ב״ד, ועד״ז מיתה על עון חילול השם (שברמב״ם שם ה״ד) — שהם אינם בגדר מכפרים (כמו התשובה) כ״א „גומרין לו הכפרה״, „אינו מתכפר לו כפרה גמורה״ (לשון הרמב״ם שם). וע״ד מ״ש המאירי (הנ״ל הערה 6). וראה אגה״ת פ״א.

13) ע״ד הברייתא דיומא (פו, א) „ארבעה חלוקי כפרה (שא׳ מהם יוהכ״פ, כהמשך הברייתא) . . ותשובה עם כל א׳״. ולהעיר שבהלכה ד לא העתיק הרמב״ם לשון זה דהברייתא. וראה לקמן הערה 37.

14) כי יש באופני ודרכי התשובה שברמב״ם דרגות ע״ג דרגות. וראה לדוגמא פ״א ה״א „ולעולם איני חוזר לדבר זה . . וישוב מלעשות כזה לעולם״. פ״ב ה״ב „ויעיד עליו כו׳״. שם ה״ד. פ״ז ה״ו־ז (לקו״ש ח״כ ע׳ 92 ואילך). ועוד. ואכ״מ.

15) וכפשטות הפי׳ בתוספתא סוף יומא (הובא בראשונים ועוד שבהערה הבאה*): חומר . . ביום הכפורים שאין בשעיר שיום הכפורים מכפר בלא שעיר. וראה ירושלמי יומא פ״ח ה״ז.

16) ראה הדיעות בזה בתוד״ה דעבד — שבועות יג, א. חי׳ הרשב״א הריטב״א והר״ן שבועות שם. ובדעת הרמב״ם ראה בהנסמן בהערה 9. ולהעיר גם מדיוק לשון הרמב״ם הל׳ שגגות פ״ג ה״י — הובא לקמן בפנים סעיף ד (וראה לקמן בפנים סעיף ז).

*) ולכמה מהם (ר״ח, ר״י מיגש, רמב״ן ועוד) הובאה הברייתא בגמ׳ כאן (יג, ב). וראה רש״י: דתניא חומר . . לא גרסינן לה.

המשתלח, אין אַ גרעסערן און שטאַרקערן אופן, היות אַז דער שעיר איז מכפר ומבטל די חטאים גופא; נאָר „בזמן הזה שאין בית המקדש קיים ואין לנו מזבח כפרה", איז געבליבן פון כפרת יוהכ"פ דער „עצמו של יוהכ"פ מכפר"].

ד. עפ"ז יש לומר, אַז דאָס וואָס דער רמב"ם זאָגט „ועצמו של יום הכפורים מכפר לשבים" (בלשון סתמי) — און ניט „מכפר עם התשובה" (וכיו"ב) — איז ווייל דאָ איז ניט כוונתו אַז דער מענטש טוט תשובה אויף אַ חטא מסויים, אויף דער „חפצא" (וואָס תשובה האָט באַשטימטע גדרים ותנאים, ווי דער רמב"ם זאָגט אין דעם פרק שלאח"ז[17]), נאָר דאָס וואָס דער מענטש, דער גברא, איז אַ „שב", ער קערט זיך בכללותו לה'[18].

[וע"ד ווי דער רמב"ם פסק'נט אין הלכות שגגות[19]: „אין יוהכ"פ ולא החטאת ולא האשם מכפרין אלא על השבים המאמינים בכפרתן **אבל המבעט בהן אינן מכפרין[20] בו**". וואָס דערפון וואָס דער רמב"ם זאָגט „השבים המאמינים בכפרתן" (ניט „והמאמינים")[21] איז יש לדייק, אַז מיט „שבים"[22] מיינט דער רמב"ם ניט אַ גדר של תשובה מפורטת אויף די חטאים, נאָר אַ תנועה כללית פון תשובה, וועלכע זאָגט זיך אויס אין דעם וואָס ער איז ניט „מבעט" און איז „מאמין בכפרתן"].

און אין דעם באַשטייט דער חילוק צווישן דער כפרה פון שעיר המשתלח און די כפרה פון יום הכפורים, וואָס „עצמו של יוהכ"פ מכפר":

ביי שעיר המשתלח, וויבאַלד ער פועל'ט די כפרה „על כל עבירות שבתורה" [וכלשון הפסוק[23] „ונשא השעיר עליו את כל עונותם גו'" — ווי ער זאָגט אין פריערדיקן פסוק דעם לשון הוידוי „והתודה עליו את כל עונות בנ"י ואת כל פשעיהם לכל חטאתם ונתן אותם על ראש השעיר"], ד.ה. דער שעיר המשתלח איז מבטל און מעקט אָפּ די חטאים (ובלשון רז"ל[24]: „מלבין עונותיהן של ישראל"[25]) — פאָדערט זיך, אַז צוזאַמען מיטן שעיר זאָל זיין ענין התשובה („והוא שעשה תשובה")[26], ווייל דוקא

17) פ"ב מהל' תשובה.

18) משא"כ „שב מידיעתו" שבחולין ה, ריש ע"ב. וש"נ.

19) פ"ג ה"י (והוא מכריתות ז, א — כנסמן בכס"מ שם), הובא (לענין יוהכ"פ) ברמ"א ושו"ע אדה"ז או"ח סו"ס תרז.

20) כ"ה ברמב"ם. ואולי צ"ל „אינו מתכפר", או „על המבעט בהן אינן מכפרין".

21) וכ"ה ברמ"א ושו"ע אדה"ז שם.

22) להעיר מגבורות ארי שם ד"ה חטאת ואשם, דחטאת ואשם בלא תשובה נמי מכפרים ומביא ראי' מכריתות שם דלא מוקי לה שבין ואינן שבין כפשוטו דעשה תשובה כ"א „שבין דאמר יכפר עלי חטאתי שאין שבין דאמר לא תכפר עלי כו'" [אלא שבנוגע לחטאת ואשם אין כן דעת הרמב"ם כי כתב מפורש (הל' תשובה פ"א ה"א) בעלי חטאות כו' אין מתכפר להן בקרבנם עד שיעשו תשובה ויתודו וידוי דברים].

23) פרשתנו טז, כב.

24) יומא לט, ב. וראה שבת פו, א — במשנה. יל"ש פרשתנו רמז תקעו. ועוד.

25) ראה דרושים נחמדים למהר"ם שי"ף שנדפסו לאחרי מס' חולין (בש"ס ווילנא) ד"ה שיר השירים כחוט השני.

26) וגם בכפרה דחטאת ואשם שני תנאים: א) „אין מתכפר להן בקרבנם עד שיעשו תשובה ויתודו" (רמב"ם הל' תשובה פ"א ה"א), ב) אינם מכפרים „אלא על השבים המאמינים בכפרתן אבל המבעט כו'" (רמב"ם הל' שגגות שם). וראה תוס' (שצויין לקמן הערה 40) שאפשר להיות „מבעט" גם אם עשה תשובה.

צוזאַמען מיט תשובה אויף די חטאים איז דער שעיר בכח צו מכפר זיין „על כל עבירות", אויך חמורות.

משא"כ יום הכפורים וואָס ענינו איז לכפר על האדם, דער אויבערשטער איז מוחל ומכפר דעם מענטש (אויף די חטאים וועלכע ער איז באַגאַנגען), ובלשון הכתוב[26*] „כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו", די כפרה איז „עליכם" וואָס דער אויבערשטער איז מטהר דעם אדם גופא — (וכאילו נאמר, אַז „עצמו של יום" טוט אויף, אַז דער אויבערשטער הויבט אַרויס דעם מענטש פון די חטאים, און ניט פאַרקערט) — איז דאָ ניט נוגע אַז ביים אידן זאָל די פעולת התשובה זיין מכוון אויף די חטאים באופן ישר ובמפורט, נאָר ער זאָל זיין אַ „שב" בכללותו[26] — „לפני ה'", וואָס דוקא דעמאָלט איז „תטהרו", האָט ער די כפרה וטהרה פון יוהכ"פ.

בשעת אָבער ביים מענטשן איז ניטאָ אפילו קיין תנועה פון „שב" — אַ קער צו טאָן זיך צום אויבערשטן [ועאכו"כ אויב ער איז מנגד צו דער כפרה, ער איז „מבעט" און ניט „מאמין בכפרתו", כנ"ל בהל' שגגות] — דעמאָלט איז אויף אים ניט חל כפרת יוהכ"פ.

און דאָס איז כעין וע"ד „אין קטיגור נעשה סניגור"[27].

און ווי דער ראָגאַטשאָווער[28] איז מבאר מאמר רבא[29], אַז אפילו לדעת רבי — וואָס „על כל עבירות שבתורה בין עשה תשובה בין לא עשה תשובה יוהכ"פ מכפר" — איז אָבער „מודה רבי בכרת דיומא", אַז בשעת באַ אים איז ניט געווען קיין עינוי יוהכ"פ אָדער ער טוט מלאכה, איז אויף דעם יוהכ"פ ניט מכפר — ווייל וויבאַלד דער חטא רירט אָן אין יוהכ"פ גופא, באופן אַז יוהכ"פ (שלילתו) ווערט ביים חוטא אַ סיבה וגורם צום חטא, איז דאָך מובן, אַז דער גורם החטא קען ניט זיין דער מכפר — אין קטיגור נעשה סניגור.

ה. ועפ"ז קומט אויס, אַז פלוגתת רבי ורבנן איז אין דעם כח ואופן הכפרה פון יום הכפורים:

לדעת רבי האָט יוהכ"פ בכח צו מכפר זיין אויף דער חפצא פון די חטאים, וכדיוק לשון רבי[30] „על כל עבירות שבתורה בין עשה תשובה בין לא עשה תשובה יום הכפורים מכפר" — און דעריבער איז יוהכ"פ מכפר אויף אַלע חטאים חוץ פון כרת דיומא (ועד"ז „האומר אחטא ויום הכפורים מכפר"[31]), היות[32] אַז אין די פאַלן איז יוהכ"פ גופא פאַרבונדן, אַלס סיבה וגורם, מיט דער חפצא פון די חטאים גופא — און וויבאַלד אַז ביחס די חטאים איז יוהכ"פ אַ קטיגור, איז „אין קטיגור נעשה סניגור".

אָבער לדעת רבנן איז יוהכ"פ ניט קיין מכפר אויף די עבירות עצמן, נאָר אויף

*26) פרשתנו טז, ל.

27) ר"ה כו, א. וש"נ.

28) צפע"נ על הרמב"ם הל' יבום פ"ד ה"כ בסופה.

29) שבועות יג, סע"א.

30) שבועות שם. יומא פה, ב.

31) יומא פז, א. וראה צפע"נ שם, שלכן לא תי' בשבועות היכא משכחת לרבי כרת ביוה"כ שהוא באחטא ויוהכ"פ מכפר — כי לשניהם טעם אחד.

32) וי"ל שזהו גם הטעם בהג' ענינים שרבי אומר (במקומות שבהערה 30) שאין יוהכ"פ עצמו מכפר. וראה רש"י שם.

דעם גברא, וכדיוק לשון הברייתא[33] (וואָס די גמרא זאָגט[34] אַז דאָס איז אליבא דרבי יהודה (רבנן)) „יכול יהא יוהכ״פ מכפר על שבים ועל שאינן שבים כו׳״ — און ניט (ווי בלשון רבי) „בין עשה תשובה בין לא עשה תשובה כו׳״ —

און דערפאַר, כדי יוהכ״פ זאָל מכפר זיין אויף דעם גברא, דאַרף ביי אים זיין דער תנאי כללי פון „שב״ כנ״ל, כדי דער גברא זאָל ניט זיין אין סתירה וניגוד צו כפרת יוהכ״פ (ווייל אויב ער וויל ניט כפרת יוהכ״פ — גיט ער ניט קיין אָרט אויף דער חלות הכפרה פון יוהכ״פ).

ו. עפ״ז איז אויך מובן דער חילוק צווישן דער כפרה פון דעם שעיר המשתלח מיט דעם וואָס „עצמו של יוהכ״פ מכפר״ — לגבי קלות:

וויבאַלד אַז שעיר המשתלח איז מכפר ומבטל די „עבירות״ עצמן, איז כמובן, פאַראַן אין דעם אַ חילוק צווישן די סוגי עבירה: ביי עבירות חמורות, מצד דעם חומר החטא, איז דער שעיר המשתלח ניט בכח צו מכפר זיין לבדו[35], נאָר עס מוז אויך זיין פעולת התשובה, משא״כ ביי עבירות קלות איז דער שעיר המשתלח יע בכח זיי צו מבטל זיין אויך אָן די פעולת התשובה[36].

אָבער דאָס וואָס „עצמו של יוהכ״פ מכפר לשבים״ דוקא, איז ניט דערפאַר וואָס בנוגע „אינם שבים״ איז דאָ אַ חלישות אין כח המכפר פון יוהכ״פ, נאָר ווייל דער מענטש איז „מנגד״ צו דער כפרה — וויבאַלד ביי אים פעלט (ניט בלויז מעשה התשובה, נאָר) אפילו די תנועה כללית פון „שב״ לה׳, איז דער־פאַר איבערהויפּט ניט שייך אַז די כפרה זאָל ביי אים חל זיין. און מהאי טעמא איז אין דעם ניטאָ קיין נפק״מ צווישן קלות וחמורות: דאָ איז ניט נוגע די איכות החומר פון חפצא של החטאים, נאָר דער מצב הגברא, אַז ער זאָל ניט שטיין אין אַ מצב הסותר ומנגד צו דער כפרה, כנ״ל[37].

ז. ע״פ כל הנ״ל יש להמתיק לשון הרמב״ם אין דער הלכה הנ״ל בהל׳ שגגות: „אין יוהכ״פ כו׳ מכפרין אלא על השבים המאמינים בכפרתן אבל המבעט . . ביום הכפורים אין יוהכ״פ מכפר עליו״ — דלכאורה:

אין הל׳ שגגות רעדט דער רמב״ם וועגן חיוב קרבנות, ד.ה. בזמן הבית —

33) שבועות שם. תו״כ אמור כג, כח.

34) לדעת ר״י ואביי שם. ולכאורה כן נקטינן להלכה, שהרי זהו מקור מפורש לדעת ר״י (רבנן) דפליגי על רבי וכהובא בנ״כ הרמב״ם הל׳ תשובה שם.

35) להעיר מגבורות ארי יומא שם (ושאר מקומות שבהערה 9) ששעיר בזמן הבית הוא במקום יסורין בזה״ז לחמורות.

36) וע״ד החילוק בין עשה — לא זז משם כו׳ — ול״ת כו׳ שבברייתא יומא ורמב״ם שבהערה הבאה.

37) ע״פ כל הנ״ל בפנים י״ל דמ״ש הרמב״ם בה״ד (הברייתא דחלוקי כפרה — יומא פו, א) „עבר על מצות ל״ת כו׳ ועשה תשובה תשובה תולה ויוהכ״פ מכפר״ — הו״ע נוסף בכפרת יוהכ״פ, מה שיוהכ״פ מכפר גם על העבירות [וכלשונו שם בתחילת ההלכה „יש עבירות שהן מתכפרין לשעתן ויש עבירות שאין מתכפרין כו׳״]. וי״ל שאי״ז מה שיוהכ״פ מכפר על הגברא כ״א שיוהכ״פ בצירוף מעשה התשובה על החטא ה״ז מכפר על הל״ת. ובסגנון אחר: מצד תוקפו של יוהכ״פ* התשובה נעלית יותר (ראה רמב״ם שם פ״ב ה״ז. ובארוכה בדרושי חסידות — ראה ס׳ הליקוטים־דא״ח דהצ״צ ערך יוהכ״פ. וש״נ), במילא נתכפר לו חטאו, שעבר על מצות ל״ת. ועצ״ע.

*) ראה לשון הרשב״א שהובא לקמן סעיף ז.

האָט דער רמב"ם געדאַרפט לכאורה זאָגן (ניט בלשון סתמי „יום הכפורים מכפר", וואָס דער מכוון בפשטות איז „עצמו של יוהכ"פ", נאָר) במפורש „אין שעיר המשתלח כו'" (אָדער קרבנות דיוהכ"פ וכיו"ב) – וואָרום בזמן הבית איז דער עיקר כפרה על ידי שעיר המשתלח (און ניט „עצמו של יום")[38].

וע"פ הנ"ל יש לומר: דער עיקר גדר הבעיטה איז שייך בשייכות צו יום הכפורים און ניט בנוגע שעיר המשתלח. וואָרום די כפרה שע"י שעיר המשתלח איז ניט תלוי אין דעם גברא פרטי; דער ווידוי פון כה"ג אויף דעם שעיר נעמט אַרום „כל עונות בני ישראל", און ניט ווי די חטאים זיינען פאַרבונדן מיט אַ פר־טיות'דיקן יחיד – וכדיוק לשון הרמב"ם „שעיר המשתלח לפי שהוא כפרה על כל ישראל"[39]; ולפ"ז וואָלט מצד דעם שעיר המשתלח כשלעצמו בכלל ניט שייך גע־ווען דער גאַנצער ענין פון „מבעט" וואָס זאָל מבטל זיין פעולת כפרת השעיר אויף די עבירות [ניט ווי ביי חטאת ואשם, וואָס היות זיי זיינען אַ קרבן – אַ כפרה אויף דעם איש פרטי, איז מובן, אַז דורך „מבעט בכפרתן"[40] איז ער סותר ושולל די כפרה פון חטאת ואשם[41]].

דאָס וואָס איז יע שייך אַז דער ענין פון „מבעט" זאָל מבטל זיין די כפרה פון שעיר המשתלח, איז נאָר אַלס מסובב פון יום הכפורים[*41]: די פעולת הכפרה פון דעם שעיר איז דאָך ניט בגדר כפרה בפ"ע, ווי אַ חטאת ואשם, נאָר מצד דעם וואָס דאָס איז דער שעיר פון יום הכפורים, וואָס „ביום הזה יכפר עליכם"[42], ובלשון הרשב"א[43] „עיקר כפרתו של שעיר המשתלח משום תוקפו של יוהכ"פ הוא" – און דערפאַר, אויב ער איז מבעט ביום הכפורים, וואָס דאָס איז „תוקפו" פון דעם שעיר, איז ער במילא מנגד ומבטל די כפרה מצד דעם שעיר[44].

---

38) ראה לעיל הערה 15; 16.

39) ולא על כל יחיד ויחיד בפ"ע. ולהעיר מתוד"ה מכפרים זבחים פח, ב בסופו.

40) רמב"ם הל' שגגות שם. וגם אם עשה תשובה על החטא (כדברי הרמב"ם בהל' תשובה פ"א ה"א). וראה תוד"ה דאי (שבועות יג, א) בסופה.

41) אף שמשמע ברמב"ם שהקרבן כשר (צפע"נ על הרמב"ם הל' שחיטה פ"ד הי"ד (קו, סע"א). וראה גם צפע"נ להל' כלאים פ"י הכ"ז (יז, סע"א ואילך). שו"ת צפע"נ דווינסק ח"ב סי"ח).

*41) ובאו"א י"ל ש„מבעט" אינו יכול לבטל כפרת השעיר כלל, כ"א רק כפרת היום בלבד, והנפק"מ של דין מבעט בזמן הבית הוא רק לענין כפרת יוה"כ על חייבי אשמות תלויין (וכסיום ההלכה „וכן המבעט ביום הכפורים כו' לפיכך אם נתחייב באשם תלוי כו'") – שכפרה זו היא (לא מצד השעיר, אלא) מצד היום, כדיוק לשון הרמב"ם בהלכה שלפנ"ז (בנוגע לכפרה זו) „שכל היום מכפר . . אם לא כפר לו יום הכפורים". ע"ש.

42) ולהעיר מתו"כ פרשתנו עה"פ (טז, ל) ובקרבן אהרן שם.

43) שבועות שם ד"ה קשיא אשמעתין.

44) עפ"ז נמצא דיש חילוק בסוג מבעט בכפרת יוהכ"פ כמו שהוא בזמן הבית ובזמן הזה: בזה"ז ד„עצמו של יום הכפורים מכפר" בפ"ע הרי עצמו של יום אינו חל ופועל במילא על האדם, כ"א רק – כאשר ישנה אצלו ה„שב" לה' בכללותו עכ"פ;

משא"כ בזמן הבית, שהמכפר הוא שעיר המשתלח, אלא שהוא מצד תוקפו של יוהכ"פ, והיינו שגוף ועצם הכפרה הוא לא מחמת עצמו של יום, כ"א מצד פעולת השעיר. ובזה י"ל שגם אם אין התנועה ד„שב"* – מכפר. ורק כאשר הוא

*) ומ"ש הרמב"ם גם שם שאינו מכפר „אלא על **השבים** המאמינים בכפרתן" – כוונתו שהגדר ד„שב" הוא (רק) מה **שמאמין** בכפרתו, ולא **ששב לה'** (משא"כ בהל' תשובה שסתם הרמב"ם „לשבין", לפי שצ"ל תשובה בכלל, **ששב לה'**, כנ"ל בפנים).

דוקא בשעת מ'איז „מאמין בכפרתו" פון יום הכפורים, איז פאַראַן כפרת השעיר און ער איז במילא מכפר על כל העבירות.

ח. דער חילוק צווישן כפרת שעיר המשתלח און כפרת „עצמו של יום" ע"פ פנימיות הענינים — יש לומר:

דורך יעדן חטא ווערט צוויי ענינים: א) דורך מעשה החטא (צוזאַמען מיט דער תאווה שבזה) ווערט באַשאַפן אַ „קטיגור"[45], עס ווערט אויפגעטאָן רע בעולם (בלשון הקבלה והחסידות: ס'איז מוסיף חיות אין קליפה). ב) עס ווערט אַ פגם בנפש.

איז כדי צו מבטל זיין דעם קטיגור (דער נפש וגוף פון דער „קליפה"[46]) — דאָס טוט אויף דער שעיר המשתלח[47], וואָס איז „מכפר על כל עבירות שבתורה" (ובעבירות חמורות פאָדערט זיך אויך תשובה מיט דעם — אויף מבטל זיין דעם געשמאַק וואָס ער האָט געהאַט ביים טאָן די עבירה, וואָס האָט מוליד געווען דעם נפש הקליפה[46]), ובדרך ממילא ווערט נתבטל אויך דער פגם וואָס דאָס האָט אויפגעטאָן בנפשו.

דאָס אָבער וואָס עצמו של יום מכפר איז דאָס ווייל עס שטעלט אַוועק דעם מענטשן אין אַזאַ מדריגה וואָס לגבי איר איז ניטאָ דער גאַנצער ענין הפגמים[48].

די הסברה בזה[49]:

יום הכפורים ווערט נתגלה ביי אידן דער עצמית'דיקער פאַרבונד פון זיין עצם הנשמה מיט דעם אויבערשטן. וואָס אָט דער פאַרבונד האָט ניט אויף זיך קיינע מדידות והגבלות און איז העכער פון צו קענען זיך אויסדריקן אין וועלכער עס איז תנועה, אַפילו ניט אין דער תנועה פון תשובה. און די התקשרות קען ניט אויפגעטאָן ווערן דורך פעולות און עבודות — ווייל אַלע פעולות פון מענטשן ווי הויך זיי זאָלן זיין, האָבן זיי דאָך אַלץ עפּעס אַ מדידה והגבלה, נאָר דאָס איז פאַראַן ביי יעדער אידן בטבע[50], מצד זיין עצם הנשמה, וואָס איז אַ „חלק אלקה ממעל ממש"[51], און אויך איצט (בגוף) איז זי „חבוקה ודבוקה בך . . יחידה לייחדך"[52].

וויבאַלד אַז די התקשרות איז העכער פון אַלע מדידות און ציורים, איז פונקט ווי זי קען ניט געשאַפן ווערן דורך עבודה, אַזוי קען מען זי אויך ניט שוואַכער מאַכן אָדער פוגם זיין אין איר דורך העדר העבודה אָדער דורך עבירות. אין דער מדריגה פון התקשרות דערגרייכן ניט קיינע פגמים און חטאים. און דערפאַר איז „עצמו של יום הכפורים מכפר", ווייל יום הכפורים

---

מבעט בכפרתו של יום, שחושב או שאומר שאין יוהכ"פ מכפר (סניגור נעשה קטיגור), בזה דוקא הוא מבטל תוקפו של יוהכ"פ בהשעיר. ועצ"ע.

45) אבות פ"ד מי"א.

46) ראה דרמ"צ מצות וידוי ותשובה.

47) להעיר מתו"א ה, ד. מאמרי אדה"ז תקע"ע (ע' קעז ואילך). ד"ה כי ביום הזה יכפר — אוה"ת יוהכ"פ (ע' א'תקסו ואילך). סה"מ תרכ"ו (ע' ש ואילך). ובכ"מ.

48) ראה מאמרי אדה"ז־פרשיות ח"א ע' קסו ואילך. אוה"ת בלק ע' א'ב ואילך. וראה ספר הליקוטים־דא"ח דהצ"צ שם.

49) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1151 ואילך.

50) ראה רמב"ם הל' גירושין ספ"ב.

51) תניא רפ"ב.

52) נוסח הושענות.

**ווערט נתגלה ביי יעדער אידן דער פאַר־בונד פון זיין עצם הנשמה מיט דעם אויבערשטן, און בשעת עס ווערט** נתגלה **די מדריגה, פאַלן** ממילא **אָפּ אַלע פגמים.**

**אין יענע מדריגות וואו חטאים האָבן דערלאַנגט און פוגם געווען, דאַרף מען אויפטאָן אַ כפרה, און דאָס קומט דורך דעם שעיר המשתלח בצירוף עבודת התשובה;**

**אָבער די כפרה פון יום הכפורים ווערט דורך דעם וואָס עס איז מאיר אַזאַ דרגא וואו ס'איז מלכתחילה ניטאָ קיין פגם, כנ"ל — „**לפני **ה' תטהרו"**

(משיחות ליל הושענא רבה תשמ"ו)